**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 4 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר ים ווינט ענערגיע טרענירונג און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג**

***צווייטע רונדע פון ים-ווינט ענערגיע טרענירונג אינסטיטוט גרענטס באשטעטיגט פאר אכט SUNY קאמפוס-אנגעפירטע פראגראמען גרייטן אן סטודענטן פאר קאריערעס אין אויפשטייגנדע ים ווינט ענערגיע אינדוסטריע***

***בויט ארויף אויף ערשטע רונדע פון גרענטס וואס גאווערנער האקול האט אנאנסירט אין מאי 2023; אין סך הכל, 8 מיליאן דאלאר פאר 28 ים-ווינט ענערגיע טרענירונג אינסטיטוט גרענטס פארטיילט אריבער SUNY קאמפוסן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די צווייטע רונדע פון כמעט 4 מיליאן דאלאר אין ים-ווינט ענערגיע טרענירונג אינסטיטוט (Offshore Wind Training Institute, OTWI) גרענטס פארטיילט פאר ארבעטסקראפט אנטוויקלונג. די פינאנצירונג שטיצט אכט סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) קאמפוס-אנגעפירטע פראגראמען אויסגעשטעלט צו צוגרייטן סטודענטן פאר קאריערעס אין די אויפשטייגנדע ים-ווינט ענערגיע אינדוסטריע. די פראגראמען וואס האבן געוואונען גרענטס וועלן איבערברייטערן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און טרענירונג איניציאטיוון פאר דזשאבס אין די קאנסטרוקציע, מעניופעקטשורינג, אינסטאלאציע, אפעראציע און אויפהאלטונג פון ים-ווינט פארמס. גאווערנער האקול האט בעפאר שוין [אנאנסירט](#) די ערשטע רונדע פון 4 מיליאן דאלאר פאר ים ווינט ענערגיע טרענירונג אינסטיטוט גרענטס אין מאי 2023. אין סך הכל איז 8 מיליאן דאלאר פארטיילט געווארן אין 28 גרענטס אריבער SUNY קאמפוסן.

"אזוי ווי ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד אין אונזער אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע — העלפט די ים ווינט ענערגיע טרענירונג אינסטיטוט צו זיכער מאכן אז אונזער סטעיט'ס ארבעטסקראפט איז גרייט צו אנפילן די דזשאבס וואס מיר דארפן צו ערגרייכן אונזערע אמביציעזע ענערגיע ציהלן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך דעם גרענט פראגראם, טוהען מיר אויסשטאטן סטודענטן מיט די כלים וואס זיי דארפן צו אנפילן די ריינע-ענערגיע דזשאבס פון די צוקונפט און בויען א גרינערע ניו יארק פאר פילע קומענדיגע דורות."

די 20 מיליאן דאלארדיגע OWTI האט זיך אנגעהויבן אין 2020 אין צוזאמענארבעט מיט SUNY's פארמינגדעיל סטעיט קאלעדש און סטאָוני ברוק אוניווערסיטעט און מיט די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) צו פאראויסשטופן ים ווינט ענערגיע טרענירונג פראגראמען און די בילדונג אינפראסטרוקטור וואס איז נויטיג צו אוועקשטעלן א פעהיגע ארבעטסקראפט וואס קען שטיצן די אויפשטייגנדע נאציאנאלע ים ווינט אינדוסטריע. אריינרעכענענדיג די רונדע, האט די OWTI שוין

פארטיילט 8 מיליאן דאלאר פאר 28 גרענטס וואס זענען פארטיילט געווארן אריבער אלע סעקטארן און ראיאנען פון די SUNY סיסטעם מיט איינציגווייזע גרענטס פון ביז אזויפיל ווי $500,000.

אין די צווייטע רונדע, זענען גרענטס פארטיילט געווארן פאר 12 פראגראמען ביי אכט SUNY קאמפוסן אריינרעכענענדיג: **אלבאני אוניווערסיטעט**, **באפעלאו אוניווערסיטעט**, **פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש**, **האדסאן וואלי קאמיוניטי קאלעדזש**, **SUNY מאריסוויל**, **SUNY אניאָנטע**, **SUNY פאליטעקניק אינסטיטוט און סטאָוני ברוק אוניווערסיטעט**.

אפליקאנטן פאר די גרענטס זענען געבעטן געווארן צו אפלייען אונטער איין אדער מער "הויפטזעכליכע קאטעגאריעס" וואס רעכענען אריין עקזיסטירנדע SUNY פראגראמען וועס זענען נוגע צו ים ווינט; זיך אפרופן צו שנעלע, געציהלטע טרענירונג געברויכן; און אדרעסירן שטרויכלונגען וואס שטייען אין וועג פון מענטשן צו אריינגייען אין מוסדות. די פארשלאגן האבן אדרעסירט קאפיטל-באדארפענישן, לאנג טערמיניגע דערנענטערונג צו יונגע סטודענטן, קאמיוניטי-געפירטע באמיאונגען צו העכערן וויסיגקייט, און שותפות מיט פארבונדענע אדער שכינות'דיגע סעקטארן.

**SUNY טשענסעלאר, דזשאן ב. קינג דזשוניאר, האט געזאגט,** "כדי צו נאכקומען די קלימאט ציהלן וואס זענען אוועקגעשטעלט געווארן דורך פרעזידענטביידן און גאווערנער האקול, דארף די ים-ווינט ענערגיע ארבעטסקראפט אסאך וואקסן אין לויף פון די קומענדיגע עטליכע יאר. דא איז וואו SUNY און די ים ווינט ענערגיע טרענירונג אינסטיטוט קומען אריין אין די בילד מיטן אנטוויקלען פראגראמען צו אנגרייטן די פעהיגע ארבעטסקראפט פאר וועלכע עס איז דא א פארלאנג און וואס וועלן פאראויס טרייבן ניו יארק'ס ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט מיט ענערגיע. אלע פון די פראיעקטן שפיגלען אפ די באדייטנדע שריט וואס SUNY נעמט אונטער מיטן פאראויס שטופן ניו יארק סטעיט'ס קלימאט ציהלן."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "מיט ניו יארק'ס ערשטער ים-ווינט ענערגיע פראיעקט אנהויבנדיג צו ליפערן ריינע ענערגיע, איז די צייט יעצט פאר סטודענטן צו באקומען די בילדונג וואס פעהלט אויס צו אריינקומען אין די נייע און באגייסטערנדע אינדוסטריע. די SUNY סיסטעם איז א גרונדשטיין פון די סטעיט'ס העכערע בילדונג סיסטעם, און דורכן ברענגען די ים-ווינט ענערגיע טרענירונג געלעגנהייטן צו מער SUNY קאמפוסן, מאכט די ים ווינט ענערגיע טרענירונג אינסטיטוט די פארגעשריטענע פראגראמען מער צוגענגליך פאר די וועלכע זוכן צו שפילן א הויפט ראלע אין די ריינע-ענערגיע רעוואלוציע."

**פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש פרעזידענט און ים ווינט ענערגיע טרענירונג אינסטיטוט דירעקטאר, דר. דזשאן ס. נעידער, האט געזאגט, (Offshore Wind Training Institute, OWTI)**, "די OWTI שטרייכט אונטער SUNY'ס צענטראלע פלאץ ביים שטופן פאר ענווייראמענט-פריינטליכע עקאנאמישע וואוקס אין ניו יארק סטעיט. די גרענטס פאר קרוב צו צוועלף SUNY קאמפוסן וועלן העלפן אנגרייטן סטודענטן און ארבעטנדע פראפעסיאנאלן פאר קאריערעס אין די אויפשטייגנדע ווינט ענערגיע אינדוסטריע. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס שטיצע פון די OWTI און פאר איר איבערגעגעבנקייט צו פאראויס שטופן בילדונג געלעגנהייטן אין די פעלד פון גרינע ענערגיע."

**סטאָוני ברוק אוניווערסיטעט פרעזידענט, מאורי מעקאיניס, האט געזאגט,** "אזוי ווי דאס צוגרייטן א העכסט-קוואליפיצירטע ים ווינט ענערגיע ארבעטסקראפט פארבלייבט א הויפט פריאריטעט פאר סטאָוני ברוק, זענען מיר דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר ווייט-קוקנדע שטיצע צו פארשנעלערן די גאר-נויטיגע וואוקס פון א פלוס פון פעהיגע און טאלאנטפולע ענערגיע ארבייטער. בשותפות מיט טשענסעלאר קינג, אונזערע SUNY מיטארבייטער, NYSERDA און סטעיט פירער, קוקן מיר ארויס צו אונטעריאגן די באמיאונגען צו העלפן ברענגען SUNY צו די סאמע פראנט פון ניו יארק'ס געמיינזאמע באמיאונגען קעגן קלימאט טויש."

סטאָוני ברוק און פארמינגדעיל צוזאמען פירן אָן און שטעלן צו טעכנישע שטיצע צו דער OWTI, ניצנדיג איינגעפונדעוועטע, דיפלאם-אויסטיילונג, נישט קיין קרעדירטע ארבעטשאפט פראגראמאטישע אנבאטן ווי אויך די ניו יארק געצילטע באנייעוודיגע ענערגיע ארבעטשאפט איניציאטיוון. דער פראיעקט איז אונטער די אויפזיכט פון א קאארדינירנדע קאנסיל וואס באשטייט פון פארשטייער פון SUNY קאלעדזשעס און אזוי אויך סטעיט און לאקאלע אגענטורן און ארגאניזאציעס וואס זענען פארמישט מיטן בויען און צוגרייטן ארבעטסקראפט און גרופע פון טאלאנטפולע ארבייטער צו ארבעטן אין די פעלד פון ווינט ענערגיע.

די OWTI, צוזאמען מיט NYSERDA, האט אויפגעבויט א נעטווארק פון אקאדעמישע, קאמיוניטי, אינדוסטריע און לעיבאר שותפות'ן וואס וועלן צוגרייטן ביז 25,000 ניו יארקער פאר קאריערעס אין באנייבארע ענערגיע פעלדער. מיטן ארבעטן בשותפות צו אוואנסירן די אנטוויקלונג פון ווינט-ענערגיע טעכנעלאגיע, ערווארט די אינסטיטוציע צו ארבעטן סינערגיסטיש מיט די נאציאנאלע פונבארטנדיגע ווינט אויספארש און אנטוויקלונג קאנסארטיום, וואס געפונט זיך אין סטאָוני ברוק און געשטיצט ביי NYSERDA, און דער US דעפארמענט אוו ענערגיע און דער באנייעוודיגע ענערגיע און אויסהאלטעוודיגקייט אין פארמינגדעיל.

**<u>איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק</u>**

די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק – וואס האט געפייערט איר 75'סטע יארטאג אין 2023 – איז די גרעסטע ברייטע סיסטעם פון העכערע בילדונג אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון איינס פון SUNY's 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. איבער די סיסטעם, האט SUNY פיר אקאדעמישע געזונטהייט צענטערן, פינף שפיטעלער, פיר מעדיצינישע שולעס, צוויי ציין-דאקטער שולעס, אן אדוואקאט שולע, די לאנד'ס עלטסטע וואסער שולע, די סטעיט'ס איינציגסטע אויגן-דאקטער שולע, און פירט אן איין אמעריקאנער ענערגיע דעפארטמענט נאציאנאלע לאבאטאריע. אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.4 מיליאן סטודענטן וועלכע לערנען אין אלע אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזעהן אויף קרוב צו א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן אריבער די גאנצע סיסטעם זענען קרוב צו 1.1 ביליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2022, אריינרעכענענדיג באדייטנדע ביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען דא איבער דריי מיליאן געוועזענע SUNY סטודענטן ארום די וועלט, און איינס פון יעדע דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דעגרי האט געלערנט אין SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט www.suny.edu.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418